# די שול איז געצילט פֿאַר אײַער קינד

בראָשור וועגן דער נײַער לערן–פּראָגראַם און דעם נײַעם שולגעזעץ, באַשטימט פֿאַר יעדן איינעם וואָס האָט אַ קינד אין גרונטשול, אין אַ גרונטשול פֿאַר קינדער מיט לערן–שוועריקייטן, אין אַ שול פֿאַר ספּעציעלער דערציִונג, צי אַ שול פֿאַר די סאַמי (לאַפּן).



Skolverket

## איר זענט וויכטיק

איר זענט דער מענטש וואָס שטייט צום סאַמע נאָענטסטן צו אײַער קינד. דעריבער איז וויכטיק עס זאָלן זײַן גוטע באַציִונגען צווישן אײַך און אײַער קינדס שול, און עס זאָל אַנטשטיין אַ צוזאַמענאַרבעט אין אַלץ וואָס האָט אַ שײַכות צו אײַער קינדס אַנטוויקלונג. דורך דער צוזאַמענאַרבעט וועלן פֿאַרגרעסערט ווערן אײַער קינדס שאַנסן צו דערגיין וואָס ווײַטער סײַ אין זײַן אַנטוויקלונג אין די לימודים, סײַ אין זײַן געזעלשאַפֿטלעכער אַנטוויקלונג.

אַז איר וועט זיך באַקענען מיט דער אויפֿגאַבע פֿון דער שול, וועט איר האָבן בעסערע מעגלעכקייטן צוזאַמענצואַרבעטן מיט אײַער קינדס שול. אין דער איצטיקער בראָשור וועט איר געפֿינען אינפֿאָרמאַציע וועגן אַ ריי שינויים וואָס ווערן איצט אײַנגעפֿירט אין שול און זענען משפּיע אויף אײַער קינדס לימודים.

### די באַגריפֿן "עלטערן" און "אַפּוטרופּסים"

בדרך־כּלל זענען איינער פֿון די עלטערן אָדער ביידע דעם קינדס אַפּוטרופּס. דער אַפּוטרופּס טראָגט דאָס אַחריות איבערן קינד און דאַרף זאָרגן אַז דאָס קינד זאָל קריגן אַ פּאַסיקע באַהאַנדלונג, אַ געפֿיל פֿון זיכערקייט, און אַ גוטע דערציִונג. בדרך־כּלל האָט דעם קינדס אַפּוטרופּס שטענדיק דאָס רעכט צו באַקומען אַלע געגעבענע אין שײַכות מיטן קינד אָדער מיטן תּלמיד אין שול, אַחוץ נגערעכנט פּרטים וואָס ווערן באַוואָרנט דורך דעם קאָנפֿידענציעלקייט—געזעץ. איינער פֿון די עלטערן, אויב ער איז נישט דעם קינדס אַפּוטרופּס, האָט נישט דאָס רעכט צו קריגן אַזעלכע געגעבענע וועגן דעם קינד וואָס ווערן באַוואָרנט דורך דעם קאָנפֿידענציעלקייט—געזעץ.

## דער וועג צום ציל

דאָס שולגעזעץ און די לערן־פּראָגראַם מוזן פֿאַרזיכערן אַז אַלע קינדער זאָלן, אויף אַ גלײַכן אופֿן, געניסן פֿון שול־לימודים פֿון אַ גוטער קוואַליטעט, אָן אונטערשייד לויטן וווינאָרט צי לויטן סאָרט שול ווו זיי לערנען זיך. זיי צייכענען אָן פֿאַר אַלע שולן די זעלביקע ריכטליניעס צו דער אַרבעט. דער פּאַרלאַמענט האָט באַשטימט אַ נײַ שולגעזעץ וואָס איז חל אויף אַלע דערציִונגס־ראַמען פֿאַר קינדער און יוגנטלעכע אין שוועדן.

אינעם שולגעזעץ שטייט, צווישן אַנדערע, אַז אַלע קינדער מוזן אָנטייל נעמען אין די לימודים, סײַדן זיי האָבן אַ באַרעכטיקטע סיבה אָפּצוזײַן פֿון שול. ווי אַ פֿאָטער אָדער מוטער ליגט אויף אײַך דאָס אַחריות צו זאָרגן אַז אײַער קינד זאָל גיין אין שול. אויב איר האָט נישט אָנגעזאָגט וועגן זײַן אָפּזײַן און אײַער קינד איז פֿאָרט נישט געקומען אין שול אָן שום באַרעכטיקטער סיבה, מוז אײַך די שול, אין הסכּם מיטן שולגעזעץ, געבן צו וויסן דערפֿון נאָך דעם זעלבן טאָג.

אויב איר ווילט בעטן אַ שול־באַפֿרײַונג פֿאַר אײַער קינד, דאַרפֿט איר זיך ווענדן צום דירעקטאָר פֿון דער שול. דער דירעקטאָר באַשליסט ווען און ווען צו באַפֿרײַען. ווענדט זיך אויך צום דירעקטאָר אין פֿאַל ווען איר ווילט זיך דערוויסן צי אײַער קינד קען באַפֿרײַט ווערן פֿון איינעם פֿון די מוז־לימודים. די מעגלעכקייט



באַפֿרײַט צו ווערן פֿון אַזעלכע לימוד־עלעמענטן איז פֿאַרקלענערט געוואָרן דורכן נײַעם שולגעזעץ. דער דירעקטאָר האָט דאָס רעכט צוצושטימען צו אַזאַ בקשה נאָר אין פֿאַל ווען זי קומט מיט דעם וואָס ווערט באַצייכנט ווי ״באַזונדערע סיבות״, און אַזאַ באַפֿרײַונג קען גילטן נאָר אויף איינצלנע געלעגנהייטן דורכן לערניאָר, נישט טאָרנדיק דערבײַ שטערן דעם תּלמיד אין זײַנע פֿליכטן לגבי די לימודים. פֿון דעסטוועגן האָט איר דאָס רעכט צו אַפּעלירן קעגן דעם דירעקטאָרס באַשלוס בײַם אַדמיניסטראַטיוון געריכט.

די ממונים (די לאָקאַלע אינסטאַנץ אָדער די אַדמיניסטראַציע פֿון אַ פּרײַער שול) זענען פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר דער שול אויף אַ לאָקאַלן אופֿן. אין פֿאַל ווען עס זאָלן אויפֿקומען פּראָבלעמען וואָס נישט איר, נישט דער פּערסאָנאַל און נישט די אַדמיניסטראַציע פֿון דער שול באַווײַזט נישט צו לייזן אַליין, קענט איר זיך ווענדן צום פֿאַראַנטוואָרטלעכן. בײַם ממונה מוז זײַן אַ סטאַנדאַרדנער געשריבענער מוסטער וואָס ווײַזט ווי אַזוי אויפֿצונעמען און באַהאַנדלען אָנקלאָגן קעגן דער דערציִונג־סיסטעם. איר קענט בעטן קריגן אַן אָפּדרוק דערפֿון אין אײַער קינדס שול.

דאָס נײַע שולגעזעץ אַנטהאַלט עטלעכע נײַע אָנווײַזונגען בנוגע די מיטלען וואָס די שול מעג אָננעמען אין פֿאַל ווען אַ תּלמיד שטערט צום גוטן סדר, פֿירט זיך נישט ווי עס באַדאַרף צו זײַן, אָדער באַגייט נאָך ערגערע שטערונגען. אַחוץ דעם וואָס דער תּלמיד קען אַרויסגעשיקט ווערן ביזן סוף פֿון דער לעקציע, קען דער דירעקטאָר, אין געוויסע פֿאַלן, געבן דעם תּלמיד אַ וואָרענונג בכּתבֿ. אַזאַ וואָרענונג מוז דערקלערן בפּירוש וואָס עס קען געשען אין פֿאַל ווען דער תּלמיד זאָל נישט ענדערן זײַן אויפֿפֿירונג. עס איז מעגלעך, למשל, אַריבערצופֿירן דעם תּלמיד אין אַן אַנדער שול.

דאָס נײַע שולגעזעץ גיט אויך דעם דירעקטאָר די מעגלעכקייט אויסצושליסן פֿון די לימודים אַ תּלמיד אין אַ גרונטשול, אַ שול פֿאַר ספּעציעלער דערציִונג, צי אַ שול פֿאַר די סאַמי, אויב דאָס איז נייטיק כּדי צו פֿאַרזיכערן רו און נאָרמאַלע לערן־באַדינגונגען פֿאַר די איבעריקע תּלמידים, אין פֿאַל ווען קיין אַנדערע

מיטלען האָבן נישט געהאָלפֿן. דאָס אויסשליסן פֿון שול מעג געדויערן ביז זיבן טעג יעדעס מאָל, און טאָר נישט געשען מער ווי צוויי מאָל אין אַ סעמעסטער. דער תּלמיד מעג פֿאָדערן אַ פֿאַרגיטיקונג פֿאַר די דורכגעלאָזטע לערנטעג, און איר, דער אַפּוטרופּס, מעגט אַפּעלירן דעם דירעקטאָרס באַשלוס בײַם אַדמיניסטראַטיוון געריכט.

## נײַע לערן–פּראָגראַמען

נאָכן שולגעזעץ איז איבערגעשריבן געוואָרן אויף ס׳נײַ די לערן־פּראָגראַם פֿאַר דער גרונטשול, דער שול פֿאַר ספּעציעלער דערציִונג, און דער שול פֿאַר די סאַמי, אַזוי אַז יעדער סאָרט שול קריגט אַ באַזונדערע לערן־פּראָגראַם. אַלע שולן, סײַ די וואָס געהערן צו דער לאָקאַלער אינסטאַנץ, סײַ די פּרײַע און סײַ די מלוכישע, מוזן זיך באַניצן מיט די לערן־פּראָגראַמען באַשטימט פֿאַר יעדן איינעם פֿון די סאָרטן שול. אַז איר וועט לייענען די לערן־פּראָגראַם וועט איר זיך דערוויסן אויף וועלכע ווערטן עס שטייט די שול און וועלכע זענען אירע אויפֿגאַבעס און צילן. די לערן־פּראָגראַם נעמט אויך אַרײַן קורספּלענער און קענטעניש־פֿאָדערונגען פֿאַר יעדן איינעם פֿון די געלערנטע קעגנשטאַנדן.

עס קענען זיך מאַכן אונטערשיידן אין די אַרבעטס־שיטות פֿון די שולן. דאָס דאַרף באַטראַכט ווערן דורך אַ צוזאַמענאַרבעט פֿון דער אַדמיניסטראַציע און פֿונעם פּערסאָנאַל פֿון יעדער שול באַזונדער. די תּלמידים דאַרפֿן אויך קענען זײַן שותּפֿים צו דער אַרבעט. איר, ווי אַ  פֿאָטער צי מוטער, קענט אויך אָנטייל נעמען אין דער אַרבעט דורך די באַגעגענישן און שמועסן אויף וועלכע איר וועט פֿאַרבעטן ווערן. איר קענט זיך אויך פֿאַרבינדן מיט אײַער קינדס שול און פֿאָרלייגן אַנדערע פֿאָרמען מיטאַרבעט.

### די לערן–פּראָגראַם

דער ערשטער טייל פֿון דער לערן־פּראָגראַם באַשרײַבט דעם ווערטן־יסוד און די אויפֿגאַבעס פֿון דער שול. דאָ ווערט דערקלערט אַז די אַקטיוויטעט פֿון דער שול מוז זיך אַרײַנשרײַבן אין די דעמאָקראַטישע ווערטן פֿון דער געזעלשאַפֿט, און אַז יעדער איינער וואָס אַרבעט אין דער שול מוז רעספּעקטירן די ווערט פֿון יעדן מענטשן און פֿון דער נאַטור אַרום אונדז.

אין דעם צווייטן טייל געפֿינען זיך אָנווײַזונגען און ריכטליניעס פֿאַר דער דערציִונג־אַרבעט. דאָ ווערן פֿאַרצייכנט די נאָרמעס, די ווערטן און די קענטענישן וואָס עס וואָלטן געדאַרפֿט טיילן אַלע תּלמידים צום סוף פֿון זייערע לימודים. די אַרבעט בײַ יעדן איינעם פֿון די קעגנשטאַנדן אין שול דאַרף העלפֿן דערגרייכן די דאָזיקע צילן. די צוויי ערשטע טיילן פֿון דער לערן־פּראָגראַם זענען אויך חל, כאָטש אין אַ ביסל אַ פֿאַרלײַכטערטער פֿאָרעם, אויף דער אַרבעט פֿון דעם אָבליגאַטאָרישן קינדער־גאָרטן און פֿון די נאָכמיטאָג־היימען.

אין דעם דריטן טייל ווערן פֿאָרגעשטעלט די קורספּלענער און די שייכדיקע קענטעניש־פֿאָדערונגען פֿאַר יעדן איינעם פֿון די געלערנטע קעגנשטאַנדן.



## קורספּלענער און קענטעניש–פֿאָדערונגען

דער קורספּלאַן פֿאַר יעדן קעגנשטאַנד באַשרײַבט פֿאַר וואָס דער געגעבענער קעגנשטאַנד פֿיגורירט אין דער לערן־פּראָגראַם, וואָס זענען די צילן פֿונעם לימוד און וואָס פֿאַר אַ קענטענישן אײַער קינד קען דורך דעם דערגרייכן. דער קורספּלאַן באַשרײַבט אויך דעם צענטראַלן אינהאַלט פֿונעם לימוד. די אַרבעט בײַ אַ געגעבענעם קעגנשטאַנד ווערט געבויט אַרום אַן אָבליגאַטאָרישן אינהאַלט, נאָר די שול האָט די ברירה צוצוגעבן צו אים נאָך עלעמענטן.

די קענטעניש־פֿאָדערונגען דערגאַנצן דעם קורספּלאַן און באַניצן זיך מיט אים כּדי אָפּצושאַצן די אַנטוויקלונג פֿון אײַער קינדס ידיעות. זיי באַשרײַבן וואָס די תּלמידים וואָלטן געדאַרפֿט וויסן בײַ געוויסע צײַטפּונקטן און ווי דאָס דאַרף זיך אויסדריקן. אין דער גרונטשול זענען פֿאַראַן קענטעניש־פֿאָדערונגען אויף גענוגנדיקע ידיעות צום סוף פֿון דריטן יאָר אין די קעגנשטאַנדן: שוועדיש, שוועדיש ווי אַ צווייטע שפּראַך, מאַטעמאַטיק, געזעלשאַפֿטלעכע קעגנשטאַנדן און פּראַקטישע קעגנשטאַנדן. אין זעקסטן יאָר זענען פֿאַראַן קענטעניש־פֿאָדערונגען פֿאַר אַלע קעגנשטאַנדן אַחוץ מאָדערנע שפּראַכן, און אין נײַנטן יאָר זענען פֿאַראַן קענטעניש־פֿאָדערונגען פֿאַר אַלע קעגנשטאַנדן.

אין דריטן יאָר באַניצט מען זיך מיט די קענטעניש־פֿאָדערונגען כּדי אָפּצושאַצן צי אײַער קינד האָט דערגרייכט גענוגנדיקע ידיעות. אין זעקסטן יאָר (אָנהייבנדיק פֿונעם לערניאָר 2012/13) און אין נײַנטן יאָר באַניצט מען זיך מיט די קענטעניש־פֿאָדערונגען כּדי אָפּצושאַצן וועלכער צייכן פּאַסט צו אײַער קינדס ידיעות אין אַ באַשטימטן קעגנשטאַנד. די קענטעניש־פֿאָדערונגען זענען פֿאַרטראַכט געוואָרן צוזאַמען מיט

אַ נײַעם צייכנס־לייטער וואָס ווערט גענוי באַשריבן אין זעקסטן און אין נײַנטן יאָר פֿאַר די ניוואָען E, C, און A. עס רעכנט זיך ווי אַ גענוגנדיקן ידיעות־ניוואָ דער נידעריקסטער ניוואָ, וואָס נעמט אַרײַן אויך דעם צייכן E.

**אין דער שול פֿאַר קינדער מיט לערן—שוועריקייטן זענען פֿאַראַן קענטעניש—פֿאָדערונגען צום סוף פֿון זעקסטן יאָר און צום סוף פֿון נײַנטן יאָר פֿאַר אַלע קעגנשטאַנדן. אין דער שול פֿאַר ספּעציאַליזירטער אויסשולונג זענען פֿאַראַן קענטעניש—פֿאָדערונגען איבער גרונט—ידיעות אָדער איבער אויסגעברייטערטע ידיעות צום סוף פֿון נײַנטן יאָר.**

**אין דער שול פֿאַר ספּעציעלער דערציִונג, וואָס דויערט צען יאָר, זענען פֿאַראַן קענטעניש—פֿאָדערונגען אויף גענוגנדיקע ידיעות, צום סוף פֿון פֿערטן יאָר אין די קעגנשטאַנדן: שוועדיש, שוועדיש ווי אַ צווייטע שפּראַך, מאַטעמאַטיק, סימנים—שפּראַך פֿאַר טויבע און שוואַך—הערנדיקע, געזעלשאַפֿטלעכע קעגנשטאַנדן און פּראַקטישע קעגנשטאַנדן. אין זיבעטן יאָר זענען פֿאַראַן קענטעניש—פֿאָדערונגען פֿאַר אַלע קעגנשטאַנדן אַחוץ מאָדערנע שפּראַכן, און אין צענטן יאָר זענען פֿאַראַן קענטעניש—פֿאָדערונגען פֿאַר אַלע קעגנשטאַנדן.**

**די שול פֿאַר די סאַמי באַניצט זיך מיט די קענטעניש—פֿאָדערונגען פֿון דער גרונטשול פֿאַרן דריטן און פֿאַרן זעקסטן יאָר.**

ווײַטער אינעם טעקסט, אַז עס וועט זײַן די רייד וועגן קענטעניש־פֿאָדערונגען, וועט די אינפֿאָרמאַציע חל זײַן נאָר אויף דער גרונטשול. ווער עס האָט אַ קינד אין אַ שול פֿאַר קינדער מיט לערן־שוועריקייטן, פֿאַר ספּעציעלער דערציִונג אָדער פֿאַר די סאַמי, קען קריגן די אינפֿאָרמאַציע אין די אָנגעוויזענע ראַמען. אויב איר ווילט לייענען ווײַטער וועגן דעם שולגעזעץ אָדער וועגן דער לערן־פּראָגראַם, קענט איז זיי געפֿינען אויפֿן וועבאָרט פֿון דער שולאינסטאַנץ Skolverket- www.skolverket.se/skollagen2011 (שולגעזעץ) www.skolverket.se/nyalaroplaner (לערן־פּראָגראַם)

## דער נײַער צייכנס–לייטער

עס איז אײַנגעפֿירט געוואָרן אַ נײַער צייכנס־לייטער. ער נעמט אַרײַן זעקס ניוואָען: A, B, C, D, E און F. דער ניוואָ פֿונעם צייכן A איז דער העכסטער און E איז דער נידעריקסטער וואָס ווערט נאָך באַטראַכט ווי גענוגנדיק. דער צייכן F באַטײַט אַז דער ניוואָ איז נישט גענוגנדיק. אין פֿאַל ווען אַ תּלמיד האָט אויף אַזוי פֿיל פֿאַרפֿעלט די לימודים אַז עס איז נישטאָ קיין ממשותדיקער סמך פֿאַר אַ צייכן, ווײַזט מען דאָס אָן דורך אַ שטריך.

אין דער שול פֿאַר קינדער מיט לערן־שוועריקייטן גילט אַ צייכנס־לייטער פֿון פֿינף ניוואָען: A, B, C, D און E.

דער צייכן F אָדער דער שטריך עקזיסטירן נישט אין דעם לייטער. אין פֿאַל ווען אַ תּלמיד פֿון אַ שול פֿאַר קינדער מיט לערן־שוועריקייטן האַלט נישט אויס די פֿאָדערונגען פֿאַרן צייכן E אָדער אויב עס איז נישטאָ קיין ממשותדיקער סמך פֿאַר אַ צייכן מחמת פֿאַרפֿעלערײַ, גיט מען נישט קיין צייכן פֿאַר דעם קעגנשטאַנד.

כּדי צו קריגן די צייכנס A, C אָדער E, דאַרף דער תּלמיד אויספֿילן אין גאַנצן די שייכדיקע קענטעניש־פֿאָדערונגען. כּדי צו קריגן דעם צייכן B דאַרף ער אויספֿילן אין גאַנצן די קענטעניש־פֿאָדערונגען פֿאַרן




צייכן C און ס׳רובֿ קענטעניש־פֿאָדערונגען פֿאַרן צייכן A.  אַזוי אויך כּדי צו קריגן דעם צייכן D דאַרף ער אויספֿילן אין גאַנצן די קענטעניש־פֿאָדערונגען פֿאַרן צייכן E און ס׳רובֿ קענטעניש־פֿאָדערונגען פֿאַרן צייכן C.

אין פֿאַל ווען איר אָדער אײַער קינד האָט ספֿקות אין שײַכות מיט די מאָטיוון פֿון אַ געוויסן צייכן, האָט איר לויטן נײַעם שולגעזעץ דאָס רעכט צו פֿאָדערן אַ דערקלערונג וועגן דעם.

## צייכנס פֿון זעקסטן קלאַס אָן

אָנהייבנדיק פֿון האַרבסט 2012 וועלן די צייכנס אין זעקסטן יאָר און ווײַטער באַשטימט ווערן פֿאַר יעדן סעמעסטער ביזן סוף־צייכן פֿאַרן נײַנטן יאָר.
די צייכנס פֿאַר יעדן סעמעסטער וועלן באַשטימט ווערן אויפֿן סמך פֿון די קענטענישן וואָס דער תּלמיד וועט האָבן צוגעקראָגן אין משך פֿונעם גאַנצן סעמעסטער. די אָפּשאַצונג פֿון זעקסטן יאָר וועט דורכגעפֿירט ווערן אין שײַכות מיט די קענטעניש־פֿאָדערונגען פֿונעם זעקסטן יאָר. פֿון זיבעטן יאָר אָן וועלן די אָפּשאַצונגען דורכגעפֿירט ווערן אין שײַכות מיט די קענטעניש־פֿאָדערונגען פֿונעם נײַנטן יאָר.



## אָפּשאַצונג און פּראָגרעס–באַראַטונג

כּדי צו פֿאַרזיכערן אַז אײַער קינד אַנטוויקלט זיך אין דער ריכטונג פֿון די הויפּטצילן פֿון דער לערן־פּראָגראַם און לויט די לאַנג־טערמיניקע צילן פֿון יעדן קעגנשטאַנד, איז וויכטיק די צוזאַמענאַרבעט צווישן שול און היים. אין משך פֿונעם לערניאָר וועט דער לערער דורכפֿירן נאָכאַנאַנדיקע אָפּשאַצונגען איבער דעם לערנען און דעם פּראָגרעס פֿון אײַער קינד. איר וועט קריגן צו וויסן וועגן דעם, ווייניקסטנס איין מאָל אין יעדן סעמעסטער, ווען איר און אײַער קינד וועט פֿאַרבעטן ווערן אויף אַ באַגעגעניש מיטן לערער פֿון דעם קעגנשטאַנד אָדער מיטן קלאַסלערער אויף אַ פּראָגרעס־באַראַטונג.

דורך אַזאַ פּראָגרעס־באַראַטונג דאַרף באַשטימט ווערן אַ פּערזענלעכער אַנטוויקלונגס־פּלאַן. דער פּערזענלעכער לערנפּלאַן נעמט אַרײַן אָפּשאַצונגען וועגן דעם פּראָגרעס אין אײַער קינדס קענטענישן אין די געלערנטע קעגנשטאַנדן. ער דאַרף אויך אַרײַננעמען אַ סך־הכּל פֿון די אָנשטרענגען וואָס דאַרפֿן נאָך אונטערגענומען ווערן כּדי אײַער קינד זאָל דערגרייכן די צילן און פּראָגרעסירן ווי צום בעסטן.

אויב איר ווילט לייענען ווײַטער וועגן דער פּראָגרעס־באַראַטונג, דעם פּערזענלעכן אַנטוויקלונגס־פּלאַן מיט אָפּשאַצונגען בכּתבֿ (IUP), קענט איר געפֿינען די נייטיקע אינפֿאָרמאַציע אויפֿן וועבאָרט פֿון דער שולאינסטאַנץ Skolverket: www.skolverket.se/iup

# דאָס רעכט צו אַ וואָס גרעסערער אַנטוויקלונג

יעדער תּלמיד מוז קריגן די נייטיקע דערמוטיקונג אין זײַנע לימודים און אין זײַן פּערזענלעכער אַנטוויקלונג כּדי ער זאָל זיך קענען אַנטוויקלען וואָס מערער. דאָס איז ריכטיק אויך פֿאַר די תּלמידים וועמען עס קומט אָן גרינג דאָס אויספֿילן די קענטעניש־פֿאָדערונגען. די תּלמידים, בײַ וועלכע עס קען געמאָלט זײַן זיי זאָלן נישט דערגרייכן די מינימאַלע קענטעניש־פֿאָדערונגען, האָבן דאָס רעכט צו קריגן אַ באַזונדערע אונטערשטיצונג. דער דירעקטאָר איז פֿאַראַנטוואָרטלעך דערויף, עס זאָלן אָפּגעשאַצט ווערן די באַדערפֿענישן פֿונעם תּלמיד, און אויב עס ווײַזט זיך אַרויס אַז דער תּלמיד נייטיקט זיך אין אַ באַזונדערער אונטערשטיצונג, דאַרף אויפֿגעשטעלט ווערן אַ פּאַסיקער אַרבעטספּלאַן.

איר און אײַער קינד האָט דאָס רעכט זיך אַרויסצוזאָגן בײַם אויפֿשטעלן אַזאַ אַרבעטספּלאַן. לויטן שולגעזעץ קריגט איר איצט דאָס רעכט צו אַפּעלירן בײַ דעם אַפּעלראָט פֿון דער שולאינסטאַנץ אויף דעם באַשלוס פֿונעם דירעקטאָר בנוגע דעם אַרבעטספּלאַן. דאָס איז גילטיק סײַ בײַ אַ באַשלוס אַז עס איז נישט נייטיק קיין באַזונדערער אַרבעטספּלאַן, סײַ בײַם אויסשטעלן די פֿאָרעם און דעם אינהאַלט פֿון אַזאַ אַרבעטספּלאַן. איר האָט אויך די מעגלעכקייט צו אַפּעלירן אין פֿאַל ווען דער דירעקטאָר נעמט אָן דעם באַשלוס צוצוטיילן אַ באַזונדערע אונטערשטיצונג אַ געוויסער לערן־גרופּע אָדער אַ יחיד, אָדער ווען דער דירעקטאָר באַשטימט דאָס וואָס ווערט אָנגערופֿן אַ ”צוגעפּאַסטן לערן־פּראָצעס“.



# איר ווילט איבערלייענען די גאַנצע לערן–פּראָגראַם?

איר קענט באַשטעלן אָדער אַראָפּלאָדן אַ קאָפּיע פֿון דער לערן־פּראָגראַם בײַם וועבאָרט פֿון דער שולאינסטאַנץ www.skolverket.se

Skolverket